# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די ליינער

כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם

בעזרת השי"ת ▪ פרשת משפטים/שבת שקלים תש"פ ▪ גליון סח'


# "א איד"

## א חשיבות וואס בלייבט אויף אייביג!

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די דינים פון אן "עבד עברי"

**ואלה המשפטים:** אין די פרשה, זענען פאראן דריי און פופציג מצוות פון די תרי"ג מצוות, דריי און צוואנציג מצוות עשין און דרייסיג מצוות לא תעשין (ספר החינוך). זאגט דער חת"ס: **ואלה** איז בגי' מ"ב **משפטים**, עס איז דא צוויי פערציג מצוות פון בין אדם לחבירו אליין. (פון אנהייב פרשה ביז "והשביעית תשמטנה". די איבריגע 11 זענען מצוות שבין אדם למקום וכו'.)

יעצט כאפט א בליק. פון אלע דריי און פופציג מצוות, מיט וועלכע מצוה פאנגט זיך אן די פרשה? **כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי...** מיט די דינים פון א עבד עברי. וואס איז אזוי וויכטיג מיט די דינים פון אן עבד עברי אז מען האט דאס געלייגט אלץ די סאמע ערשטע פון אלע הלכות אין ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם?

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם.**

(שמות כא' ב)

די תורה הק' זאגט אונז: ווען דו וועסט קויפן א אידישע עבד, זאלסטו וויסן גלייך ביים קויפן אז ער מעג נאר ארבעטן פאר דיר זעקס יאר און נישט מער. די זיבעטע יאר, מוז ער באפרייט ווערן, און אויב קומט אן יובל אינמיטן פון די זעקס יאר, אפי' ער האט נאר געארבעט צוויי, דריי יאר, מוז ער דעמאלטס באפרייט ווערן[א]. פארוואס? ווייל **כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם.** (ויקרא כה נה)

אין רמב"ם הלכות עבדים שטייט: נישט נאר די מצות עשה איז שייך ביי אן עבד, נאר נאך פינף מצוות עשה'ס און אכצן לא תעשה'ס. דאס הייסט אז עס איז דא א ס"ה פון 13 מצוות וואס א מענטש דארף וויסן איידער ער קויפט אן עבד עברי.

קען דאך א מענטש טראכטן, מה לי ולצרה הזאת, וואס פעלט מיר דאס אויס? פארוואס דארף איך דעם עול פון א אידישע עבד? ענדערש זאל איך קויפן א גוי'אישע עבד און פטור אן עסק! ביי אן עבד כנעני, בלייבט מען מיט זיינע קינדער אויף אייביג, מען קען טוהן מיט זיי וואס מען וויל, וואס פעלט מיר אויס די גאנצע דאגה?

זאגט דער אוחה"ק: טאקע דערפאר איז די תורה מגלה דא אין די פרשה, די ריכטיגע מהלך המחשבה פון א איד. **כי תקנה עבד:** ווען דו וועסט וועלן קויפן א **עבד** און דו האסט די ברירה צו קויפן א איד אדער א גוי, **עברי**: זאלסטו קויפן א איד. (ולא תאמר אקנה עבד שאעבוד בו עד עולם, ולא אקנה עבד שאחר שש שנים אשלחנו.) ניין, דו זעהסט א איד שטייט צו פארקויפט ווערן, נעם איהם גלייך ביי דיר אין שטוב.

### לאמיר זיך דאס פארשטעלן...

א בעל בית'ישר איד, א גביר זוכט א געטרייע ארבעטער, נישט סתם אן ארבעטער, ער זוכט איינער וואס זאל איהם אין זיין בני בית ארויסהעלפן מיט וואס אימער זיי דארפן, ברענגן, טראגן, קאכן, וואשן, ווען נאר עס פעלט אויס. יענער דארף זיין גרייט פאר איהם פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבען טעג א וואך. איינער וואס איז גרייט זיך אריינצוציען ביי איהם אין שטוב, זיין ווי א שמש פאר יעדעם. אין די היינטיגע שפראך, א "ליוו אין".

ער הייבט אן זוכן. ער זוכט באמת א גוי, אן אימיגראנ"ט, א שלעפער, איינער וואס פארשטייט נישט צופיל, (אן עכטע עבד כנעני,) אבער צו זיין ערשטוינונג, הערט ער א שמיעה אז עס איז יעצט דא צו באקומען צוויי אידן. א איד? וואונדערט ער זיך, לאמיר שנעל גיין זעהן! ער לויפט שנעל צו די בימה ווי מען פארקויפט די מענטשן, אבער צו זיין ערשטוינונג, זעהט ער נישט דארט קיין שום איד. אה! אפשר אין די גרויסע גאס ווי אלע עבדים שטייען, דארט וועט ער זיי געפונען. ער לויפט שנעל אהין, אבער ניין, דארט געפונט ער זיי אויך נישט! ווי זענען זיי?

זאגט די רמב"ם (הלכות עבדים פרק א' ה"ז): זיי זענען באהאלטן...

[א] רמב"ם הלכות עבדים פ"ב ה"ב.

פארוואס? ווייל **אחד המוכר עצמו, או שמכרוהו בית דין**, אזא איינער קען נישט פארקויפט ווערן בפרהסיא, נישט אויף די בימה וואס מען פארקויפט אלעמען און נישט אין די גאס ווי די עבדים ווערן פארקויפט. שנאמר "**לא יימכרו, ממכרת עבד**" (ויקרא כה, מב), א איד ווערט נישט פארקויפט ווי א פשוט'ע עבד, נאר בצנעה ודרך כבוד (הלכה ז). פארוואס?? **ווייל ער איז א איד.**

ער לויפט שנעל צו די מוכרים, בעת וואס ער טראכט צו זיך, "מן הסתם איז דאס גאר אן ערליכער איד וואס האט נעבעך נישט קיין געלט, און ער מוז זיך נעבעך פארקויפן, און בי"ד וויל אים שפארן די בושות פארקויפט מען איהם אזוי בדרך כבוד." אבער, איידער ער גרייט זיך אפצוקויפן דעם עבד, הייבט ער זיך אן אביסל נאכפרעגן מער פרטים איבער די קנעכט...

## דער עושר מיטן סוחר!

ער גייט צו צום סוחר און הייבט אן שמועסן, "סוחר טייערע, איך זעה אז איר האט דא עטליכע אידן אויף די ליסטע צו פארקויפן. אפשר דערציילט איר מיר אביסל מער פרטים. עס איז מיר זייער אינטרעסאנט, וואס גייט דא פאר? ווער איז ער? און פארוואס פארקויפט ער זיך? ער האט נישט קיין קרובים, קיין משפחה?"

**ענטפערט די סוחר:**

"לאמיר אייך מסביר זיין, איין עבד איז נעבעך א גנב, איינער וואס האט ל"ע עובר געווען אויף די תורה ומצוות און איז געווארן א פשוט'ע גנב און וויבאלד ער האט נישט צו באצאלן, האט בית דין מחליט געווען אז עס איז נישט דא קיין ברירה און מען מוז איהם פארקויפן! די איינציגע וועג צוריק צו באקומען עפעס פון איהם איז נאר דורך פארקויפן. ווי דער פסוק זאגט: **אם אין לו ונמכר בגנבתו.**" (שמות כב)

**"ווער איז דער צווייטער דארט?" פרעגט ווייטער דער עושר.**

זאגט איהם די סוחר:

"איינער וואס פארקויפט זיך נעבעך אליין, א עני ואביון מגוזלו, ער פארמאגט גארנישט, אפילו אייגענע קליידער האט ער נישט[ב]. דער איד נעבעך קען נישט טרעפן קיין שום ארבעט וואס זאל איהם קענען שפייזן. כדי ער זאל נישט אויסגיין פאר הונגער, מוז ער נעבעך זיך פארקויפן פאר א קנעכט. ווי דער פסוק זאגט אין פרשת בהר: **וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ עִמָּךְ וְנִמְכַּר לָךְ**... (ויקרא כה לט)[ג]

**"ער איז יא אן ערליכער?" פרעגט ווייטער דער עושר.**

**דו מוזט איהם האלטן בכבוד'דיג...**

**ווייל א איד, נישט קיין הילוק אין וועלכע מצב ער איז, איז ער נאך אלץ א איד!**

זאגט איהם די סוחר:

וואס זאל איך אייך זאגן? לכאורה נישט, ווייל וויאזוי דען איז ער אנגעקומען צו אזא מצב? ווי דער אוחה"ק: "**גם הוא לא בא לידי זו, עד שכבר קדמו לו עבירות**", דער מענטש איז אויך אזא איינער וואס האט פעסט געזינדיגט, ווי רבי אמי זאגט: אין יסורין בלא עון. (שבת נה:)

[מיט דעם איז דער אוחה"ק מסביר: פארוואס שטייט עֶבֶד "**עִבְרִי**" (שמות כא, ב). און נישט כִּי תִקְנֶה **עבד ישראל?** אזוי אויך, פארוואס שטייט כִּי יִמָּכֵר לְךָ אָחִיךָ "**הָעִבְרִי**"... (דברים טו, יב)? וויבאלדביידע רעדן פון אזעלכע מענטשן וואס האבן עובר געווען אויף די תורה און מצוות. דער ערשטער עבד - ווייל ער האט גע'גנב'ט און דער צווייטער - ווייל ער האט סתם אזוי אפגעזינדיגט, דערפאר קען מען זיי שוין נישט אנרופן "ישראל", נאר מיטן צונאמען "עברי".]

דער עושר, הערנדיג אזעלכע ווערטער, ווערט זייער צושוידערט און הייבט אן שרייען "וואס דארף איך יעצט טוהן? איך דארף זיי נאך אפקויפן?"

זאגט איהם דער סוחר צוריק איידעלערהייט, "יא! ר' איד, איר קענט יעצט האבן א זכות לנצח, א זכות וואס ווער ווייסט אויב איר וועט נאכאמאל האבן! דיין אפקויפן דעם עבד וועט איהם ראטעווען פון אונטערגיין."

**דו קענסט טוהן א זאך וואס קיין שום אנדערע מענטש קען נישט טוהן! דו קענסט איהם מחזיר בתשובה זיין און צוריקשטעלן אויף די פיס!** אויב דו וועסט איהם לאזן זיין ביי דיר פאר זעקס יאר, וועסטו זעהן אז אין די זיבעטע יאר, וועט ער ארויסגיין פון דיר ווי אן ערליכע איד, א ירא שמים."

זאגט דער מכילתא: **כי תקנה עבד עברי**. "**עבד**", למה נאמר? פארוואס שטייט נישט "כי תקנה **עברי**" און מען וועט אליין פארשטיין אז מען רעדט דא פון אן עבד? נאר די פסוק וויל אונז דא זאגן א געוואלדיגע מוסר. **כי תקנה**, ווען דו קויפסט אן עבד, זאלסטו וויסן אז דער מענטש וואס דו האסט געקויפט, כאטש ער איז אן עבד, **סוף סוף עברי הוא,** ער איז א איד און מען טאר איהם נישט מבזה זיין. מען מוז איהם האלטן בכבוד'דיג... ווייל א איד, אין וועלכע מצב ער איז, איז ער נאך אלץ א איד!

וז"ל של ספה"ק אור התורה, בא"ד אלא הורה לנו שבתחילת קנייתו שקונה אותו, צריך שידע שהקונה עבד קונה אדון לעצמו, כי עבדי המקום המה וחותם המלך נחתם עליו. וזה שאמר "כי תקנה עבד" תדע שהוא "עברי"...

שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי וגו' רצה לומר ששש אשר יעבוד יאמר בכולם שבשביעית יצא לחפשי...

---

[ב] כמש"כ הרמב"ם הלכות עבדים פ"א ה"ג ואין אדם רשאי למכור את עצמו עד שלא יישאר לו כלום, ואפילו כסות לא תישאר לו; ואחר כך ימכור עצמו.

[ג] עי' רש"י כאן ד"ה "כי תקנה" איך שמבאר שפרשה זו בעל כרחך מיירי שקנה העבד מיד ב"ד, שמכרוהו בגנבתו, ולא במוכר עצמו מפני דוחקו הכתוב מדבר, דכשהוא אומר (ויקרא כה) וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך, הרי מוכר עצמו מפני דוחקו אמור, ומה אני מקיים כי תקנה? על כרחך בנמכר בב"ד מיירי וגם כשנמכר ע"י בי"ד יצא בשש!

**דאס איז א שטארקע יסוד וואס מען דארף אריינעמען אין קאפ, און אין די רמ"ח איברים ושס"ה גידים, "ווען דו וועסט נעמען א צובראכענע איד און איהם מחשיב זיין בלויז פאר די פאקט אז ער איז איד, (און איהם ח"ו נישט מבזה זיין,) וועט זיך אויפוועקן זיין פינטעלע איד!"**

**דער עושר פרעגט ווייטער!** "איך פארשטיי נישט, בלויז ווייל איך גיי איהם מחשיב זיין אלץ איד, וועט ער זיך טוישן?! ווי אזוי ארבעט דאס?"

זאגט איהם די סוחר, "אמת, ווען מיר זאלן נאר קוקן אויף דעם ענין פון מכבד זיין און נישט מבזה זיין אן עבד, פארשטיי איך די שאלה. אבער עושר טייערע, געבט נאר א קוק אויף אלע הלכות פון אן עבד עברי און איר וועט אלעס פארשטיין..."

## וואס מעג מען טוהן און וואס נישט?

[רמב"ם הלכות עבדים פרק א']

1. דו דארפסט אכטונג געבן אויף זיין כבוד. דו טארסט איהם נישט פארשעמען, דו טארסט אים נישט אנרופן "קנעכט".

2. אמת, דו האסט איהם געקויפט, אבער די קענסט זיך נישט אויפפירן צו איהם ווי א האר. דו דארפסט מאכן זיכער אז ער שפירט זיך פונקט ווי דיר. פונקט ווי דו דארפסט זיין באקוועם, דארף דיין ברודער אויך זיין באקוועם[ד]...

דערפאר, ווען דו זעצט זיך עסן, זאלסטו אנגרייטן פאר איהם די זעלבע וואס דו גרייטסט אן פאר דיר. טראכט נישט ביי זיך, "איך דארף א פיינעם סאפער אבער דער ארימע קנעכט, ער קען עסן ברויט און וואסער אויך." ניין, ער איז א איד און ער דארף עסן פונקט ווי דיר!

אזוי אויך, ביי אלע אנדערע באדערפענישן, דארף ער באקומען די זעלבע קוואליטעט וואס דו האסט. ער דארף אזעלכע שיינע בגדים ווי דיר, ער דארף אזא באקוועמע בעט ווי דיר, ער דארף אזא שיינע שלאף צימער ווי דיר. און ניין, טראכט נישט אז ער איז סעקאנ"ד קלא"ס ווייל ער איז אן עבד, טראכט ענדערש אז "ער איז איד און מען דארף איהם מכבד זיין". [ה]

**וא"ת, "גוט, איך וועל איהם האלטן בכבוד'דיג מיט עסן און שלאפן. אבער ארבעטן, זאל ער כאטש ארבעטן פעסט!"**

זאגט דער רמב"ם ווייטער (שם פרק א'): מען דארף אויך אכטונג געבן מיט וועלכע סארט ארבעט מען געבט איהם. דו קענסט איהם נישט געבן ארבעט אן א שיעור, עס דארף האבן אן אנהייב און א סוף.

דו קענסט איהם נישט געבן ארבעט וואס איז דיר בכלל נישט וויכטיג, נאר דו זוכסט איהם צו האלטן ביזי. אזוי אויך, קענסטו איהם נישט הייסן טוהן ביליגע זאכן וואס פאסט נישט פאר א פשוט'ע מענטש, ווי למשל טראגן דיינע וועש אין מקוה, אדער צובינדן דיינע שיך וכו', אויב די עבד האט קיינמאל נישט געטוהן אזא ארבעט פארדעם.

**אפגעזעהן ווער ער איז און אין וועלכע מצב ער איז, האב רחמנות אויף איהם און זיי א גומל חסד פאר יענעם ווי מער...**

אזוי אויך, דארפסטו זיך רעכענען מיט איהם און זיינע שוועריקייטן. ווי דער רבינו בחיי זאגט: **ויצאו חנם**, אויב ער איז קראנק געווארן אינמיטן די צייט, צאלט די בעה"ב פאר אלע דאקטער ביל"ס. און ניין, ווען ער גייט ארויס, קען דער בעה"ב נישט זאגן צום קנעכט, "צאל מיר וואס איך האב אויסגעגעבן פאר דיינע דאקטורים. צאל מיר וואס איך האב דיר געשפייזט אין די צייט וואס דו האסט נישט געקענט ארבעטן פאר מיר." לכך נאמר: "חנם" שאינו פורע לו שום ממון. לאז אפ דעם אומשולדיגן איד.

אזוי אויך, דארפסטו זיך אומקוקן אויף איהם און זיין משפחה. אויב ער האט א ווייב מיט קינדער, דארפסטו זיי אריינעמען אונטער דיין אחריות, זיי העלפן און שטיצן.[ו] **יא! דער בעל הבית איז מחויב צו שפייזן זיין גאנצע פאמיליע!**

(וא"ת א"כ איזה רווח יש לאדון מעבד עברי, שירצה לקנותו, עי' בהערות אות ז')[ז]

נאך אינמיטן רעדן, שפרינגט אויף דער עושר, "איך פארשטיי נישט, וואס גייט דא פאר?! מען רעדט דא פון אזעלכע אידן וואס האבן עובר געווען אויף די תורה און נישט מקיים געווען מצוות, דער האט גע'גנב'ט און דער האט מזלזל געווען אין גאר הארבע עבירות, און איך דארף איהם קויפן?! איך דארף איהם מכבד זיין?! איך דארף אויסהאלטן איהם, זיין ווייב און זיינע קינדער?! וואו איז דער יושר??!!

## "די מדה פון רחמנות"

זאגט די ספר החינוך (מצוה מב'): משרשי מצוה זו, די מצוה האט א טעם. דער אייבערשטער האט געוואלט אז די אידן, זיין אויסדערוועלטע פאלק, זאלן זיך איינקויפן און משלים זיין מיט אלע מעלות און מדות טובות, און ווערן א הייליג פאלק, כדי די ברכות זאלן קענען חל זיין אויף זיי. זאגט דער חינוך: וועלכע מדות זענען די שענסטע, אויב נישט חסד און רחמים?! דאס זענען פון די בעסטע מדות אויף דער וועלט. דערפאר, האט דער אייבערשטער אונז באפוילן מיט די אלע הלכות פון

---

[ד] כלשון הרמב"ם שם יז וחייב לנהוג בו מנהג אחווה, שנאמר "ובאחיכם בני ישראל איש באחיו". (ויקרא כה, מו)

[ה] אי"צ להיות כמותו ממש, אבל לכה"פ כבנו וכא' מבני ביתו לא פחות.

[ו] כמ"ש **אִם בַּעַל אִשָּׁה הוּא וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ עִמּוֹ** (שמות כא, ג) ע' פי' רש"י "ויצאה אשתו עמו - "וכי מי הכניסה שתצא אלא מגיד הכתוב שהקונה עבד עברי חייב במזונות אשתו ובניו. (קידושין כב)

[ז] שאם יש לו אשה ישראלית, מתר לרבו לתת לו שפחה כנענית כדי שתוליד לו עבדים. ואע"פ שהוא עברי, מאחר שמתוך רחמנות צוה הקב"ה הוא על האדון לפרנס את האשה והבנים של העבד, שבגלל היתרון הזה שיהיו לו עבדים יהיה מי שיתרצה לקנות עבד עברי (מעם לועז), וכן מבואר ברמב"ם שאם מפרנסם, אשה והבנים מחויבים ג"כ להיות לו עבדים.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אן עבד עברי, אונז אויסצולערנען אז מיר דארפן זיך מרחם זיין אויף סיי ווער עס קומט נאר אונטער אונזער רשות, אפגעזעהן ווער ער איז און אין וועלכע מצב ער איז. מען דארף זיין א גומל חסד און האבן ווי מער רחמנות פאר יענעם...

אזוי אויך, שרייבט דער רמב"ן אויפן פסוק אִם בַּעַל אִשָּׁה הוּא וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ עִמּוֹ (שמות כא, ג). **והנראה בעיני שהוא נכנס במקום הבעל,** דער אדון ווערט אחראי אויפן משפחה אנשטאט דער מאן. **כי חמלה התורה על האשה והבנים שחייהם תלויין להם מנגד מצפים לידי הבעל...** דער תורה האט רחמנות געהאט אויף די פרוי און קינדער וואס זייער לעבן איז אין א געפאר ווייל זייער גאנצע האפענונג איז געווען אויף די טאטע אין שטוב. און יעצט אז ער איז פארקויפט געווארן, האט די תורה באפוילן דעם בעה"ב וואס ער נעמט אלע פארדינסטן פונעם עבד, ער זאל זיך אריינשטעלן אינעם פלאץ פונעם טאטן און ארויסהעלפן די שטוב.[ח]

פארוואס דארף מען אזוי רחמנות האבן אויף איהם? זאגט אונז דער מכילתא: ווייל **סוף סוף עברי הוא**, ער איז א איד און מען טאר איהם נישט מבזה זיין. מען מוז איהם האלטן בכבוד'דיג... **ווייל א איד, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער איז, איז ער נאך אלץ א איד**. בפרט אן עבד, וואס בי"ד האט איהם פארקויפט אדער וואס האט זיך אליין פארקויפט, אודאי איז דאס נאר געווען באונס. דער עבד איז זייער צוקלאפט און פארביטערט פון דעם און דארף אסאך רחמנות, חיזוק און ווארעמקייט .

* * *

## "די אנדערע זייט מטבע"

פון די אנדערע זייט, שטייט דער עבד צובראכן און צושמיסן. ער שטייט יעצט אין די גרעסטע שפל המצב, ער גייט יעצט גענצליך ארויסגיין פון זיין אייגענע רשות און אריין אין אן אנדערן'ס רשות. ער האט מער נישט קיין שום אייגענע בעלות אדער רשות, אלעס וואס ער וועט וועלן טוהן, וועט ער דארפן פרעגן זיין בעה"ב. וואס קען שוין פון אזא איינעם אויסוואקסן?...

**דאס אלעס איז גילטיג ביזן פארקויפן,**
**אבער ווען דער עבד טרעפט זיך אין א מצב וואס ער האט זיך בכלל נישט געריסט, טוישט דאס איהם זיין גאנצן לעבן!**

- מען פארקויפט איהם שטילערהייט, די מערסטע בכבוד'דיג וואס איז שייך. פארוואס? **ווייל ער איז א איד!**
- דער עושר קויפט איהם דער ערשטער, פאר סיי וועלכע געלונגענע עבד. פארוואס? **ווייל ער איז א איד!**
- ער באקומט עסן, טרינקן און א פלאץ צו שלאפן, אלעס אויפן בעסטן און שענסטן פארנעם. פארוואס? **ווייל ער איז א איד!**
- מען געבט זיך אפ מיט זיין ווייב און קינדער אויפן זעלבן סטאנדארט. פארוואס? **ווייל ער איז א איד!**

דער עבד געבט זיך א פרעג? "אזוי? **איך בין טאקע א איד?** די תורה הייסט זיך רעכענען מיט מיר אויף טריט און שריט. פארוואס? ווייל איך בין א איד! אוי ווי איז מיר, קוק ווי איך קוק אויס! בין איך דען זיך אליינס מחשיב אז איך בין א איד? בין איך מחשיב די זעלבע תורה וואס האט געהייסן אז מען דארף מיר מחשיב זיין!" מיט אזא חשבון מאכט ער אפ ביי זיך מיט א פעסטקייט, " פון היינט אן, וועל איך טאקע זיין אן ערליכער שטאלצער איד!"[ט]

מיט דעם קען מען טייטשן ע"פ רמז, דעם **וְאִם אָמֹר יֹאמַר הָעֶבֶד אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי אֶת אִשְׁתִּי וְאֶת בָּנָי לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי** (שמות כא ה). דער עבד זאגט "**אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי**, איך האב שוין ליב דעם אייבערשטען, **אֶת אִשְׁתִּי** איך האב שוין ליב די תורה, **וְאֶת בָּנָי**, איך האב שוין ליב אלע אידישע קינדער, **לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי**, איך וויל שוין מער נישט לעבן פריי! פון היינט און ווייטער, וויל איך אננעמען די עול פון תורה והמצות..."[י]

דער סוחר ענדיגט זיינע ווערטער פארן עושר,

### "יעצט פארשטייט איך שוין פארוואס? עס איז א זכייה צו קויפן און ראטעווען א איד!"

## צידה לדרך

### ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם:

פי' רש"י לפניהם ולא לפני עובדי כוכבים... אל תביאהו בערכאות שלהם, ברענג נישט אריין דיינע טענות אין זייער בית משפט. טאקע דוקא ביי די הלכות פון עבד עברי, קענען מיר קלאהר זעהן די חילוק...

**בדיני עכו"ם:** ווען א גוי גנב'ט, לייגט מען אים אריין אין תפיסה.
**בדיני ישראל:** דארף ער באצאלן, ואם אין לו ונמכר בגניבתו.

**לאמיר זעהן די חילוק:** בדיני עכו"ם, דער בא'גנב'טער באקומט נישט צוריק זיין געלט. דער גנב קומט אן אין תפיסה, טרעפט דארט נאך גנבים און קומט ארויס פון דארט א גרעסערע גנב ווייל יעצט איז ער שוין מער פראפעשענע"ל.

בדיני ישראל: באלד ביים פארקויפן, באקומט שוין דער בא'גנב'טער צוריק זיין געלט. דער גנב קומט אן צו א איד וואס איז מלא רחמים וחסדים, יענער איז איהם מכבד און מחזק ביז ער קומט ארויס פון דארט א גאנצע בעל תשובה.

(שמעתי מא' המגידים)

**כי תקנה** וגו'. זאגט דער אלשיך הק': הנני מדבר בך לנוכח, "כי תקנה", **כי מצוה עשית, כי על ידך פרע זה גנבתו...**

---

[ח] וזהו לשון ויצאה אשתו "עמו" כי היתה אשת העבד עם בעלה כשפחה לאדניו שהרי מעשה ידי שניהם שלו והוא חייב במזונותיהם. (עיי"ש בדברי הרמב"ן באריכות)

[ט] על כן בימי ירמיהו הנביא חרה אף ה' ובערה אש, כאשר השיבו השרים והעם ויכבשו את עבדיהם ושפחותיהם תחת ידיהם אחרי צאתם מאתם בשביעית... ועי' בספר באר מים חיים שהק' ולכאורה וכי בשביל מצוה אחת יענוש ה' כל כך?

ולפי מה שאמרנו, אפ"ל שבזה שאינם משחררין עבדיהם מכחישין בזה כל המצוה וטעמו, כי שורש המצוה הוא הרחמים להראות לנפש ישראלי מי הוא ומה הוא, וכל חשיבתו אינו אלא באשר הוא נפש ישראל ובצאתו ממנו יהיה איש קדוש, אבל כשאינו משחרר את עבדו, הרי זה מראה שכל קניית העבד אינו אלא שיהיה לו עבד ולא משום שהוא רחמן ואדרבא מתאכזרין עליהם.

[י] כעי"ז כ' בספר קובץ שיעורים מר' אלחנן וואסערמאן בשם הגר"ח מבריסק קידושין אות קלב.

# מוסר השכל

## א איד!

וויפיל מאל טרעפן מיר זיך אין א מצב וואס מיר געבן אויף אויף דעם איד מיטן אויסרייד, "אך, פון אים וועט שוין גארנישט אויסוואקסן!"

וויפיל מאל טרעפן מיר זיך אין א מצב וואס געוויסע מענטשן געפעלן אונז יא און געוויסע מענטשן געפעלן אונז נישט...

אפשר ווען מיר וואלטן געוואוסט "וואס מיינט דאס א איד!" **כי עבדי המקום המה וחותם המלך נחתם עליו...** וואלטן מיר זיך אביסל מער מחזק געווען אין דעם ענין.

**מען דארף וויסן אז דאס איז נישט נאר א מושג, נאר אויך אן הלכה. אין הלכות שבת איז דא עטליכע הלכות וואס מיר פסק'נן אנדערש צוליב דעם.** (עי' במסכת שבת קכ"ח, רבי שמעון אומר, "כל ישראל בני מלכים הם.")

ווען מיר וואלטן שטענדיג געהאלטן פאר די אויגן אז "ער איז דעם קעניג'ס א קינד", "ער איז אונזער ברודער", וואלטן מיר פיל מער געקענט אויפטוהן און ארויסהעלפן פאר די אלע צובראכענע נפשות.

צו האט איר אמאל אריינגעטראכט! וויפיל קענען מיר משנה זיין אין א מענטש'ס לעבן בלויז מיט דעם איינעם פאקט פון "געבן האפענונג פאר א צוויטן". זיי לאזן וויסן "יא, דו ביסט ביי מיר טייער און חשוב, ווייל דו ביסט א איד!"

**אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ.**

טייטשן די ספרים הק': **אל תוכח- לץ**, זאג אים נישט מוסר באופן "דו ביסט א לץ", "דו ביסט א שגץ"... **פן ישנאך**- ער וועט דיר נאר פיינט האבן און דו וועסט גארנישט אויפטוהן!

ענדערש **הוכח לחכם**-, זאגט אים מוסר באופן "דו ביסט דאך א חכם, א קלוגער און וואוילער, ווי פאסט דאס פאר דיר?" **ויאהבך**- וועט ער דיר ליב האבן און אויסהערן.

**שבת שקלים:** זאגט דער ישמח ישראל: דאס איז טאקע מרומז דא. שכל אחד ואחד מישראל איננו שלם בלתי אם יתחבר את עצמו עם חבירו, ובהשתתפות עם חבירו בא להשלמה, ושניהם יחד המה כלי שלימה.

וע"ז מרומז ענין מחצית השקל, **שכל או"א מישראל ישקול זאת במאזני שכלו, וישתדל בכל עוז לעבוד בזה לאהוב את חבירו, ממש כגופו.**

## לאמיר טאקע זוכה זיין!

***נ.ב. אזוי אויך ...***

האסט אן ארבעט וואס דארף ווערן געטוהן אדער האסט א דשא"ב עוועילעב"ל? אויב דו האסט א ברירה צווישן דער איד און דער גוי, **נעם דעם איד**, בלויז פאר דעם פאקט אליין ווייל ער איז א איד!

און ווען דו נעמסט שוין דעם איד, פיר זיך אויף צו איהם מיט רעספעק"ט, זיי איהם מחשיב, געב איהם די געפיל "דו ביסט א איד! און נישט סתם אן ארבעטער...

# הלכה למעשה

### זענען די הלכות פון א עבד עברי נוגע בזמה"ז?

פסק'נט דער רמב"ם פ"א הלכה יח: אין אמה עבריה נוהגת ולא עבד עברי נוהג, אלא בזמן שהיובל נוהג, בין עבד עברי שמוכר עצמו, בין זה שמכרוהו בית דין; וכבר ביארנו מתי בטלו היובלות.

**מעג מען הייסן א איד ארבעטן סיי וועלכע ארבעט?**

פסק'נט די רמב"ם הלכה יד: די איסור איז דווקא בעבד עברי, מפני שנפשו שפלה במכירה. אבל ישראל שלא נמכר מותר להשתמש בו כעבד, שהרי אינו עושה מלאכה זו אלא ברצונו ומדעת עצמו. איינער וואס האט געדינגען א איד איהם ארויסצוהעלפן מיט סיי וועלכע ארבעט פאר א חודש, צוויי, מעג זיך משתמש זיין מיט איהם כאילו ער וואלט געווען זיין קנעכט, וויבאלד יענער האט מסכים געווען צו ארבעטן פאר איהם מיט וואס ער דארף. און אויב וויל יענער נישט, האט ער די ברירה צו גיין.

**מעג מען זיך פארדינגען פאר א צווייטן?**

1-זאגט דער ש"ך און חו"מ (סי' של"ג סעיף א' ס"ק יז'): עס ווענדט זיך צו דער מענטש גייט אהיים אדער וואוינט ביי יענעם. ועיי"ש בהמשך: בא"ד ונ"ל דמה"ט יש ליזהר למלמד או לסופר או שאר מלאכו' שלא להשכיר עצמן להיות בבית בעה"ב בקבע עמו ולהיו' סמוך על שלחנו בלי הפסק יותר מג' שנים דכל טפי מג' שנים נפקא לי' מתורת שכיר ועבד.

(ואע"ג דעבד גמור לא הוי לכל הלכותיו מ"מ כיון דנפקא מתורת שכיר קא עבר על כי לי בני ישראל עבדים.)

2-שיטות התוס' איז אבער אז מען איז קיינמאל נישט עובר. עיי"ש בש"ך עוד כ' בס' באר שבע שם דמדברי התוספות פ"ק דב"מ דף י' משמע שמותר אפי' יותר מג' שנים שכתבו וז"ל כי לי בני ישראל עבדים נ"ל דמ"מ מותר להשכיר עצמו דדוקא ע"ע שא"י לחזור בו ואינו יוצא קודם זמנו אלא בשטר שחרור עובר משום עבדי הם עכ"ל וגם במרדכי פ' האומנין כ' כדברי התוס':

**ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך "ובכל מאדך"**

### דבריו הקדושים של האלשיך הק' ריש פרשת משפטים:

**בא"ד: ובגלל** הדבר הזה אשר הוא יהודי, ישמח בפיד? ממונו על פי התורה אשר יורוהו, ויבוז כסף יבוז זהב באמת, באמור: למה אתעצב אל לבי, כי אקנה עבד עברי בדמים יקרים, ואשלחנו חפשי, **הפך כל דת נמוסית**, ואם כסף אלוה את עמי, לא אהיה לו כנושה, ואם פזרתי נתתי אלף כסף או זהב בהלואת חן, השביעית ישמטנו, והאנשים עניי עם אשר אני נושה בהם יתעשרו בממוני, ועיני רואות וכלות, ואני נשארתי רש ונקלה, כי הכסף אזל מכלי, כי כסף הרבתי ולהלוות למו עד בלתי השאיר לי כל?
וההיקש בכל יתר מצות ומשפטים על הדרך זה, אשר השטן ואומות העולם מונין את ישראל על המשפטים האלה. כי הלא הן הוא משוש דרכנו, אשר אבד העושר ההוא בעשות רצון אביו שבשמים. **ומה לי עוד טובה, כ"א שקניתי רצון אבי ואושר נפשי ודבקות בקוני, בממון ההוה ונפסד?...**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com